



# ירידת הדורות

## דער מושג, די מקורות, און דער באדייט

## מאמר ב'

יצחק לאווי

## אן איבערבליק אויף מאמר א'

אין דעם פריערדיגן חלק האבן מיר אויסגעשמועסט די עיקר פראגעס וואס מען דארף פרעגן אויף צו פארשטיין דעם ענין פון 'ירידת הדורות'. מיר האבן געזען אז מען דארף פרעגן בעיקר פיר שאלות: 1) וואס מיינט ירידת הדורות? 2) פון וועלכע דורות רעדט מען? 3) וואספארא ראלע שפילט ירידת הדורות אין די געדאנקען און לעבן פון די וואס גלייבן אין דעם? און 4) וואס זאגן די מקורות פון חז"ל און ספרים וועגן דעם?

דערווייל האבן מיר גערעדט כמעט נאר אויף דער ערשטער שאלה, און כדרך הדברים אויך אביסל אויף דער פערטער שאלה וואס איז נוגע צו דעם. אויף דער פראגע וואס ירידת הדורות איז האבן מיר מקדים געווען א הקדמה אז דא רעדט זיך פון א נושא פון היסטאריאזאפיע און נישט פון היסטארישע פאקטן, באזירט אויף א שטיקל חזון איש.

מיר האבן אויך צענומען איינער פון די מהלכים וואס קענען זיין אין דעם, וואס דאס איז אז דער מענטש ווערט פיזיש שוואכער ווי ווייטער עס ווערט פון בריאת העולם, און מיר האבן געוויזן אז לכאורה איז דער געדאנק א מחלוקת ראשונים ואחרונים. נאנט צו דער געדאנק איז דער געדאנק אז דער מענטש ווערט פיזיש נארישער ווי ווייטער ער ווערט פון אדם הראשון. איך האב נישט ממש געברענגט מקורות אויף דעם, הגם עס איז מסתמא כלול אין דעם ערשטן געדאנק.

אן אינטערעסאנטער וועג צו ווייזן אויב די וואס רעדן וועגן ירידת הדורות מיינען דאס, איז צו זען אויב זיי זענען כולל אין דער טעזע פון ירידת הדורות - וואס רעדט געווענליך וועגן די חכמים שבכל דור - אויך די חכמי אומות העולם. אויב זענען מיר אז מען זאגט דאס נאר אויף חכמי התורה, קען זיין אז דאס איז אן ענין סגולי אדער עפעס אנדערש וואס האט דווקא מיט דער תורה,

ווי מיר וועלן ווייטער שמועסן. אבער טאמער איז דאס אן ענין כללי אז דער מענטש ווערט נארישער, דארף דער זעלבער געדאנק האלטן אויף די חכמי אומות העולם אויך, אז זיי זענען אמאל געווען קליגער ווי היינט. מיר וועלן די פראגע אויסשמועסן ווייטער.



אין דעם מהלך אליין האבן מיר אויך קלאר געמאכט די צווייטע שאלה, וואס דאס איז אז אפילו די מקורות וואס רעדן וועגן ירידת הדורות בגשמיות מימות אדם הראשון, וואס דאס איז הויפטזעכליך דער רמב"ן, רעדן בעיקר פון די גאר ערשטע דורות פון אדם ביז אברהם אבינו. אבער ווייטער פון דעם זעען מיר נישט אז דער רמב"ן זאל זאגן אזא זאך. פארקערט, עס זעט אויס ווי ער האלט אז פון זמן התורה און משה רבינו זענען די דורות געבליבן בערך די זעלבע, און ער איז זיך אפילו מדחיק אביסל דאס צו זאגן. זעט אויס עס איז פאר'ן רמב"ן וויכטיג געווען צו טראכטן אז פון זמן מתן תורה ביז היינט איז נישט געשען קיין גרויסע שינויים.

דער נודע ביהודה זעט אויס רעכנט יא אז די ירידה דארף ממשיך זיין אפילו פון זמן הגמרא ביז היינט, וואס צוליב דעם נעמט ער אן אז נתקטנו הביצים און נישט נתגדלו בני אדם. דער נודע ביהודה איז בעצם גאר שארף אין דער ריכטונג ווייל ער נעמט אן אז דאס גייט אן אפילו אויף די בהמות און עופות.

## חולשת הדור לגבי תענית

נאך א פלאץ וואו מיר טרעפן אזא געדאנק אז דער מענטש ווערט פיזיש שוואכער, קען מען טרעפן אין פוסקים און אנדערע ספרים לגבי תעניתים. דאס טרעפן מיר סיי לגבי תעניתים וואס זענען נישט קיין חיוב להלכה נאר מצד תיקוני תשובה, וואס ווערן געברענגט אין פריערדיגע ספרים. צום ביישפיל, דער תניא אין אגרת התשובה, פרק ג', זאגט: "ולפי שמספר הצומות המוזכרים בתקוני תשובה הנ"ל רבו במאד מאד, לכן נהגו עכשיו כל החרדים לדבר ה' להרבות מאד מאד בצדקה. מחמת חלישות הדור דלא מצו לצעורי נפשם כולי האי." דאס זעלבע זעען מיר לגבי אנדערע תעניתים און סיגופים וואס ווערן געברענגט, וואס זענען נישט ממש קיין הלכה נאר לכפרה. ווי ווען א ספר תורה פאלט אויף דער ערד, טרעפן מיר פארשידענע ספרי שו"ת וואס נעמען אן אז מען דארף מיקל זיין אין דעם מחמת חולשת הדור.

מער פון דעם, מיר זעען אז די סברא איז אפילו מכריע להלכה, און מען איז נוטה מיקל צו זיין אין פארשידענע פרטים אין הלכה'דיגע תעניתים צוליב דער זעלבער 'חלישות הדור'. למשל דער ערוך השולחן אין הלכות פסח (סימן ת"ע) זאגט אז חלישות הדור איז די סיבה וואס מען איז מיקל אין תענית בכורים. פארשידענע לעצטיגע פוסקים זענען דן לגבי חולים און מניקות און מעוברות אז זיי זאלן זיין פטור פון תעניתים, אפילו אז פשטות ההלכה איז אז זיי זענען מחויב, מצד חולשת הדור.

נישט נאר אין הלכות תענית, וואס איז סוף כל סוף תלוי אין דער הלכה אז א חולה איז פטור, זעען מיר דאס, נאר אפילו בהלכות בדיקת נדה החמורות טרעפן מיר שוין אין פארשידענע פוסקים אז דער מושג 'חלישות הדור' איז גורם זיי זאלן מקיל זיין אין פארשידענע בדיקות, און זיי זענען מצרף אלס א סניף דעם קאנצעפט

חולשת הדורות (כמו"כ נקטו שנשי דידן אין להם הרגשה כחלק מחולשת הדורות ויש בדבר נפקותא עצומה להקל בהלכה).

די אלע מקורות, וואס אזיווי אין דער גאנצער נושא, נעמען אן דער 'חולשת הדור' פאר א דבר פשוט, און זענען קיינמאל נישט מגדיר וואס פינקטליך זיי מיינען מיט דעם, נעמען אפנים אן אז אמאל בזמן הגמרא אדער הראשונים זענען דורכשניטליכע מענטשן געווען שטערקער און האבן געקענט פאסטן, און עס איז היינט נשתנה געווארן אלס א חלק פון ירידת הדורות, און וועגן דעם דארף מען מיקל זיין מער.

דארפן מיר דא אוודאי אנמערקן די צווייטע שאלה אונזערע, אז עס קען אוודאי זיין אז אסאך פון די זאכן זענען נישט קיין כלל תמידי נאר זענען תלוי במקום ובזמן. און אזוי טענה'ן פארשידענע היינטיגע פוסקים טאקע אז די קולות וואס מיר טרעפן אין אחרונים אין הלכות תענית מצד חולשת הדור זענען געזאגט געווארן בימיהם, וואס מחמת רוב עניות האט דער עולם נישט געהאט נארמאל גענוג צו עסן א גאנץ יאר, און עס האט טאקע געהערשט א חולשה, אבער היינט וואס עס איז ברוך השם דא א שפע פון עסן און רפואות, איז דאס נישט געזאגט געווארן.

אן אינטערעסאנטע מציאה האב איך געטראפן וועגן דער נושא אין די שמועסן פון ראחמיסטריווקער רבי'ן פון בארא פארק זאל זיין געזונט ("אמרות טהורות" ויקרא, עמוד מה). ער ברענגט דארט א שמועס פון רוזשינער ("עירין קדישין" פרשת ויקרא) בשם דעם אפטער רב, אז ער פלעגט אסאך פאסטן, און ווען ער איז געקומען צו דעם רבי'ן ר' אלימלך האט ער אים געזאגט אז ווען ער וואלט געהאט מיט זיך נאך צוויי פאר א בית דין וואלט ער מבטל געווען אלע תעניתים בכלל. אין די הערות דארט ברענגען זיי א מסורה מכתב יד הרבי, אז מען האט געזאגט פאר ר' יוחנן ראחמיסטריווקער בשם דער רבי'ן ר' אלימלך אז טאמער וואלטן חז"ל געוואוסט ווי שווער עס וועט זיין צו פאסטן אין די דורות האחרונים וואלטן זיי דאס קיינמאל נישט מתקן געווען. און ר' יוחנן האט צו דעם מגיב געווען אז ער גלייבט נישט דער רבי ר' אלימלך האט אזוי געזאגט אויף חז"ל, נאר ער האט געמיינט צו זאגן אז היות א תענית איז תלוי אין דער רצון פון דעם מענטש, איז טאמער וואלטן זיי געוואוסט אז מען האט נישט קיין רצון צו פאסטן וואלטן זיי דאס נישט מתקן געווען.[1]

# וואס דער מציאות זאגט - הבהרה

למעשה האבן מיר אין פאריגן מאמר אנגענומען אז דער פאקט ווייזט לכאורה אז בפשטות ווערט דער מענטש נישט שוואכער אדער קלענער ווי די דורות גייען ווייטער. על כל פנים אוודאי נישט אויף דעם שארפן אופן וואס דער נודע ביהודה רעדט אז די דורכשניטליכע ביצה זאל האבן געפאלן מיט האלב, און המוציא מחבירו עליו הראיה. די היסטאריע, וואס די עוסקים בעניני השיעורים ברענגען פון ארכעאלאגיע וכדומה, ווייזט אויך בפשטות אז דער נודע ביהודה איז נישט געווען גערעכט, און אז דער דורכשניטליכער זית אדער ביצה איז נישט גרעסער געווען בזמן חז"ל. מיר זעען אויך דווקא פארקערט ווי דעם נודע ביהודה, אז דער דורכשניטליכער מענטש איז היינט גאר גרעסער בגשמיות ווי בזמן חז"ל.

נאך שטערקער האבן מיר געטענה'ט אז די עוואלוציע לויטעט אז דער מענטש זאל דווקא ווערן שטערקער און קליגער ווי די דורות גייען ווייטער. איך מוז אבער קלארער אנמערקן אז די טענה איז נישט זיכער. איך בין נישט גענוג קיין וויסנשאפטלער צו וויסן, אבער פון וואס איך האב געליינט זענען דא צוויי עיקר ספיקות אין דער טענה. איינס, ווייל עוואלוציע איז די הגדרה, נישט אז אלעס ווערט בעסער דווקא, נאר אז אלץ בלייבט דאס וואס איז מער אויסגעשטעלט איבערצולעבן. און עס קען לעולם זיין אז לויט די אומשטענדן איז בעסער אמאל צו זיין שוואכער אדער נארישער. עטליכע שטודיעס טענה'ן

1) מען קען עטליכע זאכן לערנען פון דעם. איינס, אז דער רבי ר' אלימלך האט נישט מורא געהאט צו זאגן אז טאמער חז"ל וואלטן עפעס געוואוסט וואלטן זיי געטוישט א הלכה. צווייטנס, אז ר' יוחנן ראחמיסטריווקער איז נישט ניחא געווען אזא מימרא און האט דאס געמוזט מפרש זיין אויף א זאך וואס איז תלוי בבחירה, וואס דאס האט ער עפעס יא פארשטאנען. דריטנס, אז ער האט נישט געהאלטן אז עס איז דא באמת א שינוי גופני לגבי תענית, נאר אז די ירידת הדורת איז ברוחניות.



אז אין געוויסע פרטים זענען די אונזערע אור-עלטערן טאקע געווען שטערקער און גרעסער, נאר פאר דעם מענטשנ'ס איבערלעבעניש זענען אנדערע כוחות בעסער אויסגעשטעלט.

דער צווייטער עיקר פראבלעם מיט דער עוואלוציע געדאנק איז אז די צייטשניט פון וואס מיר רעדן, דהיינו די עטליכע טויזנט יאר פון אדם הראשון אדער זמן התורה, איז לכאורה נישט גענוג אז עוואלוציע זאל קענען מאכן גרויסע שינויים אין דער מענטשהייט. דאך איז יא אמת וואס איך האב געשריבן אז דער געדאנקענגאנג פון עוואלוציע, וואס לויטעט אז אלעס פארט ווייטער כסדר, איז אין דירעקטער קעגנזאץ צו דעם געדאנקענגאנג פון 'ירידת הדורות'. דאס האט צוטון מיט די דריטע שאלה אונזערע, וואספארא מהלכי מחשבה זענען גורם אדער נובע פון דעם געדאנק פון ירידת הדורות.

אויף דעם ענין פון אינטעליגענץ איז אויך א גרויסע מבוכה אויב ס'איז אמת אז דער מענטש ווערט קליגער צי נישט. דאס ווערט שווערער, וויבאלד ס'שווער צו מעסטן אינטעליגענץ וויסנשאפטליך, און נאך שווערער איז דאס צו מעסטן אויף פריערדיגע דורות. הגם ווי דערמאנט איז דער איי-קיו ארויף אין די לעצטע הונדערט יאר, קען דאך זיין אז דאס איז צוליב א בעסערן חינוך אדער אנדערע עפעקטן און באדייט נישט אז דער מענטש במהותו ווערט קליגער. עס איז אבער נאכאלץ ריכטיג מיין מסקנה אז טאמער קוקט מען אויף דעם מציאות איז זיכער נישטא קיין הנחה פשוטה אז מענטשן פאלן. נאר די הנחה דארף זיין אז עס בלייבט די זעלבע אדער ווערט גאר בעסער, און אז איינער וויל טענה'ן ירידת הדורות איז המוציא מחבירו עליו הראיה.

## מסורת התורה

אין דעם ערשטן מאמר האבן מיר ווייטער געמערקט צווי אופנים וויאזוי ירידת הדורות איז לכאורה יא ריכטיג. א) דאס אליין וואס די ערשטע מענטשן זענען געווען די ערשטע אויסצוטרעפן און צו טון פארשידענע זאכן גיבט זיי שוין א חשיבות אלס די ערשטע. ב) עס זענען דא חכמות וואס זענען במהותם חכמות מקובלות און נישט מחודשות, און לגבי זיי דארף מען האבן א דרך ארץ פאר די פריערדיגע.

מיר האבן שוין מרמז געווען דארט אז חכמת התורה איז לכאורה בחלקו הגדול טאקע א חכמה מקובלת, וויבאלד עס רעדט זיך בעיקר פון וואס א מענטש דארף טון, און ממילא איז טאקע חל אויף דעם דער דין אז מען דארף זיך רעכענען מיט די פריערדיגע. אלזא לאמיר דאס צענעמען און ברענגען די עיקרי הסוגיות אין דעם ווי עס איז נוגע צו דער תורה.

יעדער איינער וואס האט אמאל געלערנט א שטיקל תורה ווייסט אז דער גאנצער דיון אין אלע דורות פון תורה איז געבויט אויף א הנחה אז פריערדיגע מקורות זענען על כל פנים באיזה אופן די יסודות אויף וואס די שפעטערדיגע דורות און מקורות בויען זיך. די משנה איז געבויט אויף די פסוקים, די גמרא איז געבויט אויף דער משנה, די ראשונים אויף דער גמרא, די אחרונים אויף די ראשונים, און אזוי ווייטער. אין פארשידענע רינגען פון דער קייט זעען מיר אפילו א שארפע חלוקה, ווי אין דער גמרא טאמער צוויי אמוראים קריגן זיך און איינער ברענגט א משנה אדער א ברייתא צו זיין צד, ווערט דאס גערעכנט פאר א פירכא פאר דעם אמורא, און ער קען נישט זאגן אז ער האלט נישט ווי דער משנה. עס זעט אויס צו זיין אן אומגעשריבענעם כלל אין גאנץ תלמוד אז אמוראים קריגן זיך נישט אויף תנאים, און צומאל אפילו זעט מען אז עס איז געווען

אנגענומען אז שפעטערדיגע אמוראים אדער תנאים קריגן זיך נישט אויף פריערדיגע תנאים אדער אמוראים.

עס איז גאר מערקווירדיג אז די שאלה "פארוואס טאקע?" פארנעמט גאר א קליינעם ארט אין ספרי הלכה פון אלע דורות. עס איז אלעמאל געווען אנגענומען ביי יעדן אז אמוראים דינגען זיך נישט אויף תנאים. אבער ביז דעם "כסף משנה" אין הלכות ממרים פרעגט קיינער נישט קלאר די שאלה, "אבער פארוואס טאקע?" (זע שפעטער מער איבער דעם כסף משנה.) ער אליין פרעגט עס אויך נישט לכשעצמו, נאר אלס א קשיא אויף שיטת הרמב"ם דארט. מען קען אפשר ברענגען פריער די אגרת רב שרירא גאון, אבער דאס איז געווידמעט אויף צו דערציילן די היסטאריע און נישט אזויפיל מסביר זיין די הלכה אדער סברא דערפון. דער עצם התעלמות פון דער שאלה בכלל, ווייזט אז רוב דיונים וואס מיר טרעפן אין אחרונים געבויט אויף דעם דאזיגן כסף משנה, ווי ר' אלחנן וואסערמאן אין קונטרס "דברי סופרים" און דער חזון איש וואס דינגט זיך אויף אים, פארפאסן עפעס וואס איז געווען פשוט פאר אלע דורות פריער.

היינטיגע מפרשים האבן שוין פארגאסן אסאך טינט אויף דער חקירה, און עס איז נישט אונזער נושא בעצם זיך אריינצולייגן אין די אלע פרטים דערפון. איך וועל נאר פרובירן ארויסצונעמען וואס מען קען פון דעם לגבי דער שאלה פון ירידת הדורות, און בעיקר אויף צוויי אופנים: א) פשוט צו ברענגען די עיקרי הדעות וואס זאגן טאקע אז דער טעם איז ירידת הדורות. ב) מער ברייטער, צו ווייזן וויאזוי ירידת הדורות איז ווייט פון דער הנחה פשוטה אין דער סוגיא, און אנצומערקן אויף פארשידענע וועגן מסביר צו זיין דעם ענין אן צו זאגן דעם געדאנק פון ירידת הדורות.

אין אנדערע ווערטער, אויב איז ירידת הדורות ריכטיג און איז ממש א כלל במציאות, הייבט זיך כמעט די שאלה נישט אן, און אזוי לערנט מען טאקע לפום ריהטא אין רוב היינטיגע ישיבות. עס איז פשוט און מוסבר אז אן אמורא קען זיך נישט קריגן אויף א תנא וואס איז פון א פריערדיגן דור. און דאס זעלבע פאר אלע דורות פריער און שפעטער. דאס גופא אז דער כסף משנה איז שווער געווען די שאלה "פארוואס טאקע נישט," ווייזט לכאורה אז ער האט נישט אנגענומען מיט א פשטות אזא הנחה. און דאס איז עס זענען דא אנדערע הסברים אויף דעם קען ווייזן אז עס פעלט נישט אויס די הנחה.

# נבואת משה רבינו, ותורה שבעל פה

לאמיר אבער אנהייבן אביסל פריער. איך האב דאס נישט אליין געכאפט, אבער א חבר אויפ'ן "קאווע שטיבל" פארום האט מיר געשריבן וועגן דעם, און איך האב געכאפט אז דא ליגט א גרויסע שאלה אדער שליסל צו דער נושא. דער ערשטער מקור און ענדגילטיגער סמכות פאר דער גאנצער תורה איז פארשטייט זיך דער חומש, וואס ווי די י"ג עיקרים פונעם רמב"ם לויטן, זענען געשריבן בנבואה פון משה רבינו מפי הגבורה. קיינער פרעגט נישט "פארוואס קען מען זיך נישט דינגען אויף משה רבינו?" וויבאלד זיין נבואה מפי הגבורה איז דער גרעסטער מקור וואס קען נאר זיין. לעולם איז יא דא א שאלה, פארוואס קען נישט קומען א צווייטער נביא מפי הגבורה און זיך דינגען אויף משה רבינו? נאר אויף דעם האט דער רמב"ם טאקע זיך באמיט אוועקצושטעלן די אנדערע עיקרים וואס זאגן אז קיין שום נביא קומט נישט צו צו דער מדריגה פון משה רבינו, און אז די נבואה פון משה אליין זאגט פאר אז דער אויבערשטער וועט נישט קומען טוישן זיין תורה דורך א צווייטן נביא.

דא דארפן מיר נאכאמאל מערקן אז דאס איז נישט דער יסוד פון ירידת הדורות. ווייל לעולם איז דאך משה רבינו געווען א גרעסערער נביא אויך פון הקודמים לפניו. און די סיבה פארוואס שפעטערדיגע נביאים קומען נישט צו צו זיין מדרגה איז נישט וויבאלד זיי זענען שפעטער, נאר וויבאלד זיי זענען נישט משה. און וויבאלד תורת משה איז מבטיח אז עס וועט בלייבן די זעלבע תורה אויף אייביג.[2] דאס איז די גאנצע סיבה פארוואס א פסוק חומש איז אלעמאל די שטערקסטע ראיה, און קיינער קען זיך נישט

2) די פרטים פון די יסודות זענען נישט מוסכם, און אנדערע ראשונים דינגען זיך אויף דער רמב"ם, אבער לאמיר רעדן לפי דעתו וואס איז עכ"פ ריכטיג לגבי ווי די הלכה ארבעט.

דינגען אויף דעם, און מען דארף בכלל נישט האבן דעם ענין פון ירידת הדורות דאס מסביר צו זיין.

מיר לערנען אז משה רבינו האט מקבל געווען נישט נאר די תורה שבכתב נאר אויך די תורה שבעל פה, וואס דאס הייסט פירוש המצוות, ווי דער רמב"ם שמועסט אויס באריכות אין הקדמת משנה תורה און הקדמה לפירוש המשנה. פארשטייט זיך אז אויב תורה שבעל פה איז אויך פון משה רבינו איז דאס אויך בכלל דעם זעלבן דין אז עס קען נישט זיין קיין צווייטער נביא וואס זאל דאס טוישן. אויב פארשטייט מען דאס, ווערט כמעט תמוה די קשיא פון די אחרונים פארוואס מען קען זיך נישט דינגען אויף דער משנה. ווארום די משנה איז דאך ברובה נישט מער ווי דער סיכום פון תורה שבעל פה הנמסר ממשה ליהושע וכו'. איז אוודאי קען מען זיך נישט דינגען דערויף פונקט ווי מען קען זיך נישט דינגען אויף נבואת משה. און מען דארף נישט קיין שום הסבר פון נבואה אדער קבלו עליהם.[3]

# ביטול הנבואה

עס איז דא אן ענין, וואס אפילו אויב מען וויל עס נישט כאראקטעריזירן ווי א ירידה, איז עס זיכער א ריזיגע שינוי פון איין דור ביזן צווייטן, און דאס איז וואס ווערט אנגערופן "ביטול הנבואה", ווי חז"ל זאגן (סוטה מח עמוד ב, אין א סוגיא וואס רעדט באופן כללי פון עפעס וואס זעט זייער שטארק אויס אן ענין פון ירידת הדורות):

משמתו חגי זכריה ומלאכי נסתלקה רוח הקודש מישראל, ואעפ"כ היו משתמשים בבת קול. שפעם אחת היו מסובין בעליית בית גוריא ביריחו נתנה עליהם בת קול מן השמים, ואמרה יש בכם אדם אחד שראוי שתשרה שכינה עליו אלא שאין דורו ראוי לכך. נתנו עיניהם בהלל הזקן, וכשמת הספידוהו הי חסיד הי עניו, תלמידו של עזרא. ושוב פעם אחת היו מסובין בעלייה ביבנה. נתנה עליהן בת קול מן השמים ואמרה להן, יש בכם אדם אחד שראוי שתשרה שכינה עליו אלא שאין דורו זכאין לכך.

דא איז געווארן א ריזיגע שינוי אין דער וועלט, ווי א וועלט וואס האט אמאל געהאט נבואה האט שוין נישט, און עס זענען געזאגט געווארן פארשידענע טעאריעס וויאזוי דאס איז געשען און וואס דאס מיינט. אויף דאס מברר זיין ריכטיג דארף מען אריינגיין אין דער גאנצער נושא פון נבואה, אבער מען קען נישט מכחיש זיין אז דאס איז א ריזיגע שינוי און לכאורה א ירידה עצומה.

דווקא דא איז נאך וויכטיגער אנצומערקן אז אין פשטות פון חז"ל איז דאס דייקא נישט קיין גרויסע שינוי וואס איז געשען אין דער וועלט, ווי פיל פון די טעאריעס טענה'ן, נאר א פשוט'ער ענין פון זכות. ווי חז"ל זאגן זענען אויך אין שפעטערדיגע דורות געווען יחידים וואס זענען געווען ראוי לנבואה, נאר "שאין דורם ראוי." דאס הייסט אז מען האט געזינדיגט, און מען איז שוין נישט ראוי צו הערן נבואה. דאס איז אוודאי א ירידה, אבער נישט א ירידה במהות אז עפעס טוישט זיך אין דער וועלט, נאר א פשוט'ע ירידה במעשים, וואס איז אויך נישט מוכרח אויף יעדן פרט נאר באופן כללי. אזוי ווי מיר זעען אז מיר זענען נאך אין גלות איז א ראיה אז דער דור איז נישט ראוי פאר דער גאולה, און האט נישט תשובה געטון. און עס איז טאקע מובטח אז צום סוף וועט די נבואה צוריקקומען אין א שפעטערדיגן דור וואס וועט תשובה טון.

אפילו טאמער וועט מען דאס וועלן זען ברייטער און אנקוקן די ריזיגע שינוי אלס א שינוי מהותי, איז די ריכטיגע הגדרה על פי תורה נאכאלץ נישט "ירידת הדורות" נאר גלות. אין אנדערע ווערטער, אמת, די דורות הגלות זענען אין א גאר נידריגן צושטאנד קעגן די דורות הנבואה, אבער דאס איז א צייטווייליגער פראבלעם פון גלות, נישט א יסוד פון ירידת הדורות. מיר קוקן דווקא ארויס אויף דער גאולה וואס איז חזרת הנבואה און ניצוצות דערפון זענען זיך אפשר אפילו מתעורר שוין בגלות. דאס איז

3) לעולם איז די קשיא פונעם כסף משנה טאקע נישט אויף דעם, נאר אויף די אנדערע חלקים פון דער משנה וואס זענען דן אין שאלות וואס זענען נולד געווארן נאך משה רבינו, אדער אנדערע פרטים שנחלקו בהם בתי דינים שלאחר משה רבינו, וואס ווי דער רמבם איז מסביר אין הקדמת פירוש המשניות זענען נישט קיין חלק פון תורה שבעל פה הנמסר למשה, נאר די הלכה ווערט מוכרע דורך די בית דין שבכל דור. מען קען אבער נאכאלץ זאגן פשוט, אז טאמער וועלן מיר אנהייבן צו פרעגן אויף יעדער משנה אויב עס איז טאקע א דין מקובל אדער עס איז אפשר דין מחודש, וועלן מיר צעמישט ווערן מיט גרויסע מבוכות, וויבאלד דאס איז כמעט נישט מעגליך מברר צו זיין, האט מען אנגענומען א פשוט'ן כלל אז מען דינגט זיך נישט אויף דער משנה וויבאלד רובה איז תורה שבעל פה ממשה. ווייטער וועלן מיר צולייגן צו דעם.

ווייטער די הגבלה פון דער צווייטער שאלה אונזערער אויף אויך ירידת הדורות לגבי נבואה, אז עס איז נישט קיין כלל פון בריאת העולם ביז היינט, נאר א זאך וואס איז תלוי אין א געוויסן זמן און מקום.

## מחלוקת תנאים ואמוראים

פון דא קומען מיר צו דער נושא וואו עס איז דאס מערסטע קלאר דער חילוק פון איין דור ביז א צווייטן, און דער מערסטער מוסכם אז איין דור אדער קבוצה פון דורות דינגט זיך נישט מיט קיין פריערדיגן. דאס איז טאקע די נושא פון תנאים ואמוראים. עס איז אויך דאס מערסטע רעלעוואנט צו דער פערטער שאלה אונזערע. וויבאלד מיר זענען אידן וועמענ'ס יסוד פון הלכה איז דער תלמוד, און לויט די כללים וואס דער תלמוד שטעלט אוועק זענען מיר מכריע אלע הלכות. כדרכנו וועלן מיר נישט ברענגען יעדן מקור און מדייק זיין יעדן דיוק, נאר פרובירן אוועקצושטעלן צורתא דשמעתתא; געבן די כללים מיט וואס מען קען פארשטיין רוב מקורות, און צוברענגען פון די עיקרי מקורות אין דער ענין.

צום ערשטן לאמיר מחלק זיין צווישן צוויי באזונדערע שאלות וואס זענען דא, אמת און סמכות אדער אויטאריטעט. אין הלכה זענען דא כללים און וועגן פון מוכיח זיין ווער עס איז גערעכט, ווי למשל א ראיה אדער א סברא. און באזונדער זענען דא כללים וואס זענען מכריע וויאזוי מען דארף זיך פירן. ווי די באוואוסטע מעשה פון רבי יהושע און רבי גמליאל אין מסכת ראש השנה דערציילט, "אתם אפילו שוגגים אתם אפילו מזידים." אמאל איז דא א זאך וואס אפילו ווען איינער ווייסט אז דער בית דין איז זיך טועה, דארף ער אננעמען זייער פסק וויבאלד זיי האבן דער כח ההכרעה און דער קיום התורה איז מחייב אז מען זאל פאלגן דעם בית דין אפילו אויב זיי האבן א טעות. דאס זעלבע איז דער חינוך מסביר אין מצוות לא תסור אפילו על ימין שהוא שמאל, דאס הייסט אפילו ווען דו ווייסט אז דער בית דין שבימיך איז נישט גערעכט איז נאכאלץ ענדערש מען זאל האבן א כלל אז מען מוז פאלגן דעם בית דין, וויל אנדערש תיעשה תורה כשתי תורות.



יעצט רוב כללי הלכה זענען מער כללי סמכות ווי כללי אמת. למשל אפילו יחיד ורבים הלכה כרבים מוז נישט זיין אז דער רבים איז גערעכט, עס קען גאר זיין אז דער יחיד איז גערעכט ווי רבי מאיר שלא עמדו על סוף דעתו. אבער די הלכה מוז נאכאלץ זיין ווי דעם רבים. לאמיר אויב אזוי טראכטן, טאמער איז דא כללי הכרעת ההלכה צווישן דורות. ווי למשל א כלל אז די הלכה איז אלעמאל ווי תנאים קעגן אמוראים, אדער פארקערט הלכתא כבתראי - די הלכה איז אלעמאל ווי די שפעטערדיגע, איז מסתבר אז דאס זענען לאו דווקא כללים וואס זאגן אז די תנאים זענען אלעמאל גערעכט, נאר זיי זענען פשוט כללים וואס זאגן אז זיי האבן אלעמאל דער אויטאריטעט צו מכריע זיין די הלכה.

אויב אזוי איז פשוט אז אפילו טאמער איז דא אזא כלל אז הלכה כתנאים נגד אמוראים, מוז דאס נישט האבן צוטון מיט ירידת הדורות מער ווי הלכה כרבים האט צוטון מיט ירידת היחיד. אין דעם רובריק גייט בפירוש אריין דער דיון פון דער רמב"ם אין הלכות ממרים (פרק ב הלכה א), וואס דער רמב"ם פסק'נט אז יעדער בית דין אין יעדן דור האט דער רעכט צו דרש'נען אין דער תורה

4) אין די אלע ענינים זענען דא פארפלאנטערטע סוגיות און חקירות, איך ברענג דאס נאר שארף צו מאכן די הבחנה צווישן אמת און סמכות.

אנדערש פון פריערדיגע בתי דינים, און די הלכה איז "אין לך אלא שופט שבימיך." און ווי דער רמב"ם זאגט ווייטער, דער כלל פון "אין בית דין יכול לבטל דברי בית דין חבירו אלא כן גדול ממנו בחכמה ובמנין" איז דווקא ביי תקנות חכמים, אבער ביי א מחלוקת אין גוף ההלכה, אפילו דער בית דין איז קלאר קלענער ווי דעם פריערדיגן איז די הלכה נאכאלץ כדעתו, וויבאלד אין לך אלא שופט שבימיך.



אויף דעם רמב"ם פרעגט דער כסף משנה זיין באוואוסטע קשיא, "ואם תאמר אם כן אמאי לא פליגי אמוראי אתנאי?" און זיין תירוץ איז, "ויש לומר ואפשר לומר שמיום חתימת המשנה קיימו וקבלו שדורות האחרונים לא יחלוקו על הראשונים, וכן עשו גם בחתימת התלמוד שמיום שנחתם לא ניתן רשות לשום אדם לחלוק עליו." דער תירוץ זיינער איז לכאורה ווייטער א כלל פון סמכות, אז מאיזה סיבה האט מען מקבל געווען נישט חולק צו זיין אויף די תנאים, און פאר דעם איז א ראיה פון א תנא אלעמאל א פירכא אויף אן אמורא. און דאס זעלבע, זאגט ער, האט מען מקבל געווען בחתימת התלמוד אז דער תלמוד איז דער לעצטער מכריע אין יעדער מחלוקת.

## דעת הרמב"ם - תוקף הצרות ופשיטות התלמוד בכל ישראל

עס בלייבט אבער שווער פארוואס איז טאקע געשען די חתימת המשנה והתלמוד? וואס איז עפעס פונקט געשען אין יענעם דור אז מען זאל מאכן אזא קבלה? אז מען קוקט אריין אין הקדמת הרמב"ם צו ספר היד זעט מען אז לכאורה רעדט ער פון דער שאלה, און איז מסביר פארוואס די משנה און דער תלמוד זענען מחייב כל ישראל. ואלו דבריו:

והוא (רבינו הקדוש) קיבץ כל השמועות וכל הדינין וכל הביאורין והפירושין ששמעו ממשה רבנו, ושלמדו בית דין של כל דור ודור, בכל התורה כולה; וחיבר מהכול ספר המשנה. ושיננו ברבים, ונגלה לכל ישראל; וכתבוהו כולם, וריבצו בכל מקום, כדי שלא תשתכח תורה שבעל פה מישראל.

ולמה עשה רבנו הקדוש כך, ולא הניח הדבר כמות שהיה, לפי שראה שהתלמידים מתמעטים והולכים, והצרות מתחדשות ובאות, וממלכת הרשעה פושטת בעולם ומתגברת, וישראל מתגלגלים והולכים לקצוות: חיבר חיבור אחד להיות ביד כולם, כדי שילמדוהו במהרה ולא יישכח; וישב כל ימיו הוא ובית דינו, ולימד המשנה ברבים.

דא זען מיר לכאורה קלאר אז די סיבת חיבור המשנה איז נישט געווען וויבאלד עס איז געשען עפעס א חילוק בחכמה בין הדורות, נאר פשוט מחמת שרבו השמדות האט רבינו הקדוש געזען אז טאמער וועט נישט זיין איין ספר וואס איז כולל רוב תורה שבעל פה וועט די תורה נשכח ווערן. ווייטער איז דער רמב"ם מסביר די זעלבער זאך לגבי חתימת התלמוד.

נמצא רבינא ורב אשי וחבריהם, סוף גדולי חכמי ישראל המעתיקים תורה שבעל פה, ושגזרו גזירות והתקינו תקנות והנהיגו מנהגות ופשטו גזירותם ותקנותם ומנהגותם בכל ישראל, בכל מקומות מושבותיהם.

ואחר בית דינו של רב אשי, שחיבר

התלמוד בימי בנו וגמרו, נתפזרו ישראל בכל הארצות פיזור יתר, והגיעו לקצוות ולאיים הרחוקים; ורבתה קטטה בעולם, ונשתבשו הדרכים בגייסות. ונתמעט תלמוד תורה, ולא נתכנסו ישראל ללמוד בישיבותיהם אלפים ורבבות כמו שהיו מקודם.

אלא מתקבצים יחידים השרידים אשר ה׳ קורא בכל עיר ועיר ובכל מדינה ומדינה, ועוסקים בתורה, ומבינים בחיבורי החכמים כולם, ויודעים מהם דרך המשפט היאך הוא.

וכל בית דין שעמד אחר התלמוד בכל מדינה ומדינה וגזר או התקין או הנהיג לבני מדינתו, או לבני מדינות, לא פשטו מעשיו בכל ישראל: מפני רוחק מושבותיהם, ושיבוש הדרכים; והיות בית דין של אותה המדינה יחידים, ובית דין הגדול של שבעים בטל מכמה שנים קודם חיבור התלמוד.

... ודברים הללו, בדינים וגזירות ותקנות ומנהגות שנתחדשו אחר חיבור התלמוד. אבל כל הדברים שבתלמוד הבבלי, חייבין כל בית ישראל ללכת בהם; וכופין כל עיר ועיר וכל מדינה ומדינה לנהוג בכל המנהגות שנהגו חכמים שבתלמוד, ולגזור גזירותם וללכת בתקנותם.

הואיל וכל אותן הדברים שבתלמוד הסכימו עליהם כל ישראל, ואותן החכמים שהתקינו או שגזרו או שהנהיגו או שדנו דין ולמדו שהמשפט כך הוא הם כל חכמי ישראל או רובן, והם ששמעו הקבלה בעיקרי התורה כולה, איש מפי איש עד משה רבנו.

ווי עס זעט אויס צום סוף, איז זיך דער רמב״ם בפירוש מתייחס צו דער שאלה פארוואס דער תלמוד איז מחייב אלע אידן, און די הלכות ותקנות שאחרי התלמוד נישט. און זיין תירוץ איז פשוט טעכניש, אז דער תלמוד איז דער לעצטער חלק פון תורה שבעל פה וואס אלע חכמי ישראל האבן מסכים געווען דערצו, אבער שפעטער איז נתגבר געווארן פיזור הגלות און עס איז נישטא קיין איין ישיבה וואס אלע זענען דארט, ממילא איז נישטא קיין איין הלכה וואס איז מחייב אלע אידן חוץ וואס עס שטייט שוין אין תלמוד. דעם כסף משנה׳ס קשיא וואס איז מיט א בית דין שיכול לבטל דברי בית דין חבירו, איז לכאורה בכלל נישט שווער, וויבאלד דער בית דין מוז לפחות זיין מקובל על כל ישראל. און מזמן חתימת התלמוד, און אפשר אפילו פריער, איז פשוט נישטא אזא בית דין.

אויב איז מיין פשט אין רמב״ם ריכטיג, איז דער ענין פון מחלוקת אויף דער משנה און תלמוד א פשוט׳ע זאך וויבאלד זיי זענען די מסורת תורה שבעל פה פון משה רבינו, און אויך לגבי די נייע הלכות וואס זיי האבן געלערנט זענען זיי די לעצטע בתי דינים וואס זענען דא ביי כלל ישראל עד שיהיה לנו עוד בית דין מקובל על כל ישראל. עס האט אבער גארנישט צוטון מיט דער הכמת התנאים מול חכמת האמוראים, אדער הכמת אמוראים מול חכמת הגאונים והראשונים.

עס איז אויך וויכטיג צו פארשטיין אז די אלע גלויות און צרות און שמדות זענען טאקע אויך א סיבה פאר מיעוט חכמת התורה, און לויט דעם רמב״ם איז דאס אפשר אפילו דער סיבה פאר ביטול הנבואה, וויבאלד די טבע איז אז א מענטש איז אין גלות האט ער נישט די יישוב הדעת צו לערנען און צו מאכן די הכנות הנצרכות לנבואה. ממילא האט אוודאי די סיבה גשמית וואס דער רמב״ם גיט אויך גורם געווען צו א מיעוט רוחני. אבער דאס איז ווייטער אן ענין פון גלות זמנית נישט אן ענין פון ירידת הדורות, און אפילו אין גלות זענען אוודאי געווען תקופות וואס עס איז געווען הרחבת הדעת עוסק צו זיין בתורה אזוווי בזמן הבית.

## מחלוקת רבי אלחנן וואסערמאן והחזון איש

ר׳ אלחנן וואסערמאן האט געשריבן א קונטרס ״דברי סופרים״ (געדרוקט אין ״קובץ שיעורים״ חלק ב׳) וואו ער איז מפלפל אין דער סוגיא געבויט אויף הלכות ממרים און דעם כסף משנה. דא איז דער ערשטער פלאץ וואו עס ווערט בכלל דערמאנט דעם ענין ירידת הדורות אלס א מעגליכער הסבר פאר דער נושא. ר׳ אלחנן מוטשעט זיך דארט וויאזוי עס העלפט דער

תירוץ פונעם כסף משנה אז מ'האט מקבל געווען זיך נישט צו קריגן אויף משנה, טאמער קען מען זיך דינגען אויף אט דער קבלה זעלבסט. ער זאגט אז אין הכי נמי, עס איז אים פשוט אז רוב אמוראים זענען נישט צוגעקומען צו דער מדריגה פון תנאים, און אויב אזוי איז פשוט אז זיי קענען זיך נישט דינגען,[5] דאך, זאגט ער, קען אמאל זיין א יוצא מן הכלל (ווי למשל ר' חיים וואלאזינער האט געזאגט אויף דעם ווילנער גאון אז ער האט זיך געקענט דינגען אויף ראשונים), און אויב אזוי איז ירידת הדורות נישט גענוג צו מצדיק זיין פארוואס קיין שום אמורא דינגט זיך נישט אויף קיין שום תנא. כדי דאס צו פארענטפערן איז ער מחדש א נייער דין פון "קבלת כבית דין הגדול בקיבוץ כל ישראל" וואס אויף דעם קען מען זיך נישט דינגען.

דער חזון איש האט געשריבן הערות אויף דעם חיבור, און ער איז שארף חולק אויף ר' אלחנן וואס האלט אז בעצם וואלטן אמוראים געקענט חולק זיין אויף תנאים. ער זאגט אזוי:

האמת בזה שדור שאחר המשנה ראו את מיעוט הלבבות נגד בעלי המשנה וידעו לבטח שהאמת לעולם עם הראשונים, ואחרי שידעו אמיתת הדבר שאי אפשר שישיגו הם האמת מה שלא השיגו אחד מן התנאים, לא היו רשאים לחלוק, והיו רק שונים את כל דברי התנאים שקדמום. וגם מחתימת התלמוד בטלו דברי אמורא שאמר מחמת העלמת דברי התנא, ורק רב ברוחב לבבו לא נתבטלו דבריו... ומש"כ מרן [הכסף משנה] שקבלו כן, לא טובה וחסד עשו עם הראשונים, אלא האמת חייב אותם, כי איך נעשה על דעתנו אם ידענו שדעתנו קצרה והאמת אין אתנו.

ווי מיר האבן שוין געזען פריער, איז דער רמב"ם בפירוש נישט מתאר דעם דור שאחרי המשנה והגמרא אז 'ראו מיעוט הלבבות', נאר פשוט אז עס זענען געווען צרות און השמדות. נאך מער, פרעגט הרב שלמה פישר אין "בית ישי" סימן ט"ו, וויאזוי איז געשען פונקט אין איין דור אזא מיעוט הלבבות, אז אלע דורות פון תנאים קענען זיך דינגען אפילו אויף פריערדיגע דורות נאר פונקט פון תנאים ביז אמוראים נישט?

ער ברענגט אויך מערערע פלעצער אין ש"ס ווי מיר טרעפן בפירוש אמוראים וואס דינגען זיך אויף תנאים בדברי דרוש ואגדה. עד כדי כך אז דריי מאל זאגט די גמרא אויף דברי אמורא כנגד הרבה דרשות תנאים "טבא חדא פלפלא חריפתא ממלא טנא דקרי." צוליב דעם און נאך ראיות איז ער מוכיח אז לעולם איז דער ענין נישט דער גדלות פון תנאים לגבי אמוראים, נאר עס איז יא אן ענין פון א קבלה וואס מען האט מקבל געווען זיך נישט צו דינגען כדברי הכסף משנה, ועיי"ש הסברו בזה.

## מימרות הגמרא על ירידת הדורות

בלייבט איבער אין דעם חלק זיך מתייחס צו זיין צו עטליכע מימרות אין ש"ס, וואס דער באוואוסטער צווישן זיי איז "אם הראשונים כמלאכים אנו כבני אדם ואם הראשונים כבני אדם אנו כחמורים ולא כחמורו של רבי פנחס בן יאיר." אין אנדערע פלעצער טרעפן מיר דווקא אז די גמרא זאגט אז דורות האחרונים האבן מעלות איבער דורות הראשונים און זיי לערנען בעסער, אדער אנדערע מעלות. כאמור וועלן מיר נישט דורכגיין אלע מימרות בפרטיות, מיר וועלן נאר מקדים זיין עטליכע הקדמות מיט וואס מען קען פארשטיין די אלע מאמרים.

1) די אלע מאמרים זענען דברי אגדה. מיר אלע ווייסן אז מפרש זיין אלע דברי אגדות כפשוטם איז א נארישקייט. נאר יעדער דבר אגדה האט א פנימיות אדער א סוד, אדער איז אמאל א מחלוקת ודעת יחיד און עס איז שווער עומד צו זיין פינקטליך וואס יעדער מיינט, און מען איז נישט מחוייב אנצונעמען יעדער דבר אגדה אין תלמוד כפשוטו למעשה.

2) די הקדמה פון מיין שאלה ב'. די אלע מימרות זענען נישט קיין כללים. עס איז נישטא קיין איין מימרא וואו עס שטייט כל דור ודור ירוד מדור הקודם לו. נאר די אלע מימרות ידועים זענען מימרות פון געוויסע אמוראים אדער תנאים וואס האבן געזאגט אויף א געוויסן דור

5) און דער רמב"ם וואס זאגט בפירוש אז קלענערע מעגן זיך דינגען אויף גרעסערע, איז ער מדחה אז עס מיינט נאר בקרובים בערכם.

אדער מצב די מימרא. עס קען אוודאי זיין אז אין יענער תקופה איז פונקט געווען א ירידה לעומת א צווייטער פריערדיגער תקופה, אבער דאס איז נישט שולל אז אין א דריטער תקופה איז געשען פארקערט, אן עליה, און די גמרא גיט בפירוש אזעלכע דוגמאות, ווי למשל דורו של חזקיה וואס איז געווען בעסער פון אסאך דורות פאר אים.

3) עטליכע פון די מימרות זענען זיך מתייחס צו מצבים פון חורבן. מיר דארפן געדענקען אז די משנה און די גמרא זענען געשריבן געווארן אין גאר שווערע מצבים פאר כלל ישראל. און ווי דער רמב"ם זאגט, די צרות זענען אפילו געווען דער גורם צו כתיבת התורה שבעל פה וייל אנדערש וואלט גארנישט געבליבן. איז פארשטענדליך אז אין די ספרים וועט מען טרעפן אסאך קינות אויף דעם שווערן מצב לעומת דער גלארייכער אמאל. די משנה און סוגיא בסוף סוטה איז די בעסטע דוגמא פאר א זאך וואס ווערט גענוצט אלס א ראיה פאר ירידת הדורות, אבער איז נישט מער ווי א סארט קינה אויפ'ן חורבן בית המקדש און מיתת הצדיקים. דער געמוט פון כלל ישראל אין די תקופות איז געווען גאר א שווערער און עס פארשטייט יעדער אז מען קען נישט ברענגען קיין ראיה פון דעם וואס עס איז געווען א דור פון חורבן בית המקדש אויף א כלל פון ירידת הדורות.

4) אסאך מימרות זענען נישט מער ווי מימרות פון ענווה פון א געוויסן צדיק לעומת זיין רבי אדער זיין רבי'ס רבי. עס פארשטייט יעדער בר דעת אז ווען דער רבי זאגט איך בין גארנישט גלייבט מען אים נישט - דאס איז דאך נאר זיין ענווה. דארף מען נישט מער גלייבן ווען די ענווה שטעלט זיך אויס אין זיך פארגלייכן לרעה לגבי זיין רבי אדער פריערדיגע דורות. דאס איז אוודאי דער דרך פון ענווה זיך צו האלטן אסאך קלענער פון דעם רבי'ן און פון פריערדיגע רבי'ס. דער אמת לגבי אונז בלייבט אבער אז ביידע קענען זיין דאס זעלבע גרויס, אדער פארקערט. עס איז אזוי נאריש צו ברענגען פון דברי הענווה של אביי ורבא א ראיה צו א ירידה אין דורות, ווי א חוקר וואס וואלט געברענגט א ראיה פון דעם רבי'ן ר' אלימלכ'ס זאגן אז ער טוט אסאך עבירות, אז ער



איז געווען אין א שוואכן מצב אין אידישקייט.

5) אנדערע מימרות זענען נישט מער ווי דברי מוסר. ווי די גמרא זאגט, תוכחה איז גאר א שווערע און האקעלע זאך. און צו קומען דירעקט שרייען אויף א מענטש דו טוסט נישט גוט איז על פי רוב א נארישער מהלך. זוכן מוכיחים פארשידענע קינסטליכע וועגן וויאזוי מעורר צו זיין א מענטש אן דירעקט אים אטאקירן. איינער פון די וועגן וואס מיר טרעפן שוין אין די נביאים איז צו רעדן וועגן די אבות און די פריערדיגע. ווען מען זאגט פאר איינעם קוק אויף דיינע זיידעס ווי זיי האבן זיך געפירט, איז דאס אסאך מאל מער מתקבל ווי ווען מען זאגט אים סתם דו פירסט דיך נישט ריכטיג. אסאך מאל ווען די גמרא וויל מוסר זאגן אז א געוויסע זאך דארף חיזוק, איז זי עס מלביש אין א מימרא אז דורות הראשונים האבן געטון אזוי און דורות האחרונים טוען אזוי. די מטרה פון דער מימרא איז נישט קיין לעקציע אין היסטאריע, נאר א דבר מוסר אז מען זאל זיך נוהג זיין אזוי ווי מען איז מתאר די דורות הראשונים. דאס איז גוט פאר דעם מוסר זאגער צו דערציילן אזוי, כי היכי דלקבלוהו מיניה. ■